נישט קענענדיק די צדקות פון ג־ט און זוכנדיק
אויפצושטעלן זייער אייגענע, האָבן זיי זיך נישט
אונטערטעניק געמאַכט צו דער צדקות פון ג־ט.
4 וואָרום דער סוף פון דער תורה איז דער משיח צו
5 צדקות פאַר יעדן איינעם, וואָס גלויבט. וואָרום משה
שרייבט איבער דער צדקות פון דער תורה, אַז דער
מענטש, וואָס וועט זי טון, וועט דורך איר לעבן.
6 (ויקרא יח, ה.) אָבער די צדקות פון אמונה זאָגט אַזוי:
זאָג נישט אין דיין האַרצן, ווער וועט אַרויפגיין אין
7 הימל אַריין? דאָס הייסט, אַראָפּצוברענגען משיחן,
אויך נישט: ווער וועט אַראָפּנידערן אין דער
טיפעניש? דאָס הייסט, אַרויפצוברענגען משיחן פון
8 די טויטע. נאָר וואָס זאָגט זי? דאָס וואָרט איז נאָענט
צו דיר, עס איז אין דיין מויל, אין דיין האַרצן; דאָס
הייסט, דאָס וואָרט פון אמונה, וואָס מיר רופן אויס;
9 ווייל אויב דו וועסט באַקענען מיט דיין מויל ישועַן
אַלס האַר, און גלויבן מיט דיין האַרץ, אַז ג־ט
האָט אים אויפגעוועקט פון די טויטע, וועסטו
10 געראַטעוועט ווערן. וואָרום מיטן האַרץ גלויבט
מען צו צדקות, און מיטן מויל באַקענט מען צו
11 ישועה. וואָרום דער פסוק זאָגט:

יעדער, וואָס גלויבט אין אים, וועט נישט ווערן
צו שאַנד. (ישעיהו כח, טז.)

12 וואָרום עס איז נישטאָ קיין חילוק צווישן ייד
און גריך, ווייל דער זעלביקער האַר פון אַלע
13 איז רייך צו אַלע, וואָס רופן צו אים; וואָרום
יעדער איינער, וואָס וועט אָנרופן דעם האַרס
14 נאָמען, וועט געראַטעוועט ווערן. (יואל ג, ה.) וויאַזוי
זשע זאָלן זיי אָנרופן אים, אין וועמען זיי האָבן נישט
געגלויבט? און וויאַזוי זאָלן זיי גלויבן אין אים,
פון וועמען זיי האָבן נישט געהערט? און וויאַזוי